פֿולע טאַבעלע פֿון דער מלוכה-לאָטעריע זעה 9 זייט

opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייעס פֿאָלקסבלאַט

| № 233 | Łódź, Sroda, 5 października 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, ה׳ תשרי תרצ״ג | № 233 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# מוראַדיגע אויטאָבוס-קאַטאַסטראָפֿע

## אויטאָבוס מיט 10 פּאַסאַזשירען אַריין אין אַ טייך

## 1 ייד און 3 קריסטען אומגעקומען

קאַליש, 4. (טעלעפאָניש).

בעכטען 2 נאָכמיטאָג איז אויפֿ׳ן וועג פֿון קאַליש קיין לאָדז געשעהען אַ מוראַדיגע אויטאָ-קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע האָט געקאָסט דאָס לעבען פֿון 4 מענשען.

פֿון לאָדז נאָך קאַליש איז געפֿאָהרען אַן אויטאָבוס מיט 10 פּאַסאַזשירען.

נישט ווייט פֿון שעראַדז, אויף דער בריק איבער׳ן טייך זשעגלינאַ, וואָס פֿאַלט אַריין אין וואַרטאַ, איז דער אויטאָבוס אַרויפֿגעפֿאָהרען אויף דער באַריערע, זי אַדורכגעבראָכען און מיט אַ געוואַלדיגען דונער־קלאַפּ אַריין אין טייך.

6 פֿון די פּאַסאַזשירען וועלכע האָבען זיך ניט פֿערלוירען, זענען תיכף אַרויסגעקראָכען דורך די אויסגעבראָכענע שויבען פֿון אויטאָבוס און געלאָזט זיך שווימען מיט געשרייען נאָך הילף. פּויערים פֿון דער אומגעגענד זעהענדיג די געליטענע צו הילף געקומען און זיי אַרויסגעצויגען אויפֿ׳ן ברעג.

די איבעריגע 4 פּאַסאַזשירען אין איבערגעקעהרטען אויטאָבוס האָבען פֿון אָנהויב געפּרובט שרייען, אָבער די וואַסער־שטראָמען, וועלכע האָבען פֿול געמאַכט דעם איבערגעקעהרטען אויטאָבוס האָבען זייערע געשרייען פֿערשטיקט.

די אַרויסגערופֿענע פֿייערלעשער פֿון שעראַדז און אומגעגענד האָבען נאָך אַ פּאָר שעה אַרבייט אַרויסבעקומען דעם אויטאָבוס און דאָרט געטראָפֿען 4 טויטע קערפּערס, וועלכע זענען אין פֿערשידענע פּויזעס געלעגען אויפֿ׳ן דעק פֿון אויטאָבוס ווי סאיז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען איז זייער טויט געקומען דורך דערטרונקען. די פֿיר טויטע זענען: באָלעסלאַוו פּלעבאַנסקי, טשעסלאַוו מיקאָליאַטשיק און מיקאָלאַיטשיקס אַ פּלימעניצע, וועמענס נאָמען ס׳איז נאָך נישט פֿעסטגעשטעלט געוואָרען. די אַלע דריי זענען פֿון לאָדז, דער פֿערטער איז משה ראָזען פֿון קאַליש. די אומגעקומענע האָט מען איבערגעפֿיהרט קיין שעראַדז.

אויפֿ׳ן אָרט פֿון טראַגישען אומגליק איז אָנגעקומען פּאָליציי מיט׳ן קאָמענדאַנט פֿון שעראַדזער קרייז קאָם. קופּקע און אויך פֿאָרשטעהער פֿון לאָדזער אויספֿאָרשונגס־אַמט מיט אינספּ. נאָכעק בראש.

די אויספֿאָרשונג האָט פֿעסטגעשטעלט אַז די סיבה פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע איז, וואָס עס האָבען געפּלאַצט די רעסאָרען, צוליב דעם איז דער אויטאָבוס אַרויף אויף דער בריק־באַריערע און אַריין אין טייך.

דאָס טראַגישע אומגליק האָט אין שעראַדז און אין אומגעגענד געמאַכט אויף אַלעמען אַן זעהר שיטערענדען איינדרוק.

בעקאַנטמאַכונג.

די בעוואוסטע פֿירמע

A. RAPAPORT i SYNOWIE, BIELSKO

Fabryka sukna

וואָס בעזיצט דעם פֿאַבריקס-לאַגער אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 39, טעל. 124-23 מאַכט בעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפֿט, אַז זי האָט ערעפֿנעט

אַ פֿיליאַלע אויף 12 נאַוואָמיעסקאַ 12

וואָס בעזיצט אויף לאַגער צום איצטיגען הערבסט און ווינטער-סעזאָן אַ גרויסען אויסוואַהל פֿון זעמטליכע קאַמגאַרן-אויסאַרבייטונגען פֿון די שענסטע פֿאַרבען און מוסטערן, ווי אויך גלאַטע און מאָדע-וואַרען אַלעס צו געניוע פֿאַבריקס-פּרייזען.

הורט און דעטייל! — סאָלידע בעהאַנדלונג. — הורט און דעטייל!

5918

יום-כּפּור

אין בית-תפֿלה פֿון פֿילהאַרמאָניע נאַרוטאָוויטשאַ 20

טויזענטער מתפּללים

זענען בעגייסטערט געוואָרען פֿון די האַרציגע תפֿלות פֿון בער. ביאַליסטאָקער אָבערקאַנטאָר ר׳

מאיר פּאָדראָב׳נעק

ראש-השנה אין בית-תפֿלה פֿון פֿילהאַרמאָניע

כּדי צו געבען דעם תענוג די פֿיל אַנדערע, וועלכע האָבען נאָך נישט געהאַט די מעגליכקייט צו הערען דעם וואונדערבאַרען חזן, האָט דער בית-תפֿלה-קאָמיטעט בעשלאָסען צוצושטעלען נאָך איינגע צעהנדליג שטעלען אויף יום-כּיפּור.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פֿון פֿילהאַרמאָניע טעגליך פֿון 10 פֿריה ביז 8 אָוונט. זונטאָג, ערב יום-כּפּור פֿון 8 פֿריה ביז 3 נאָכם.

בעמערקונג: צוליב דעם וואָס אָהן בילעטען וועט קיינער נישט אַריינגעלאָזען ווערען, ווערט דאָס פּובליקום געבעטען בעצייטענס זיך צו בעזאָרגען מיט בילעטען.

אויך ווערט געבעטען צו כּל נדרי נישט מיטצוברענגען קיין קליינע קינדער.

8609

שייטלען

— מיט —

פּאַריזער שרינדען

ווי אויך

פֿערטיגע שייטלען

ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט

און אָנדולאַציע

צו ביליגע פּרייזען,

ביי קערש

סקווערא 15.

פֿאַר גאָלד, בריליאַנטען,

ביזשוטעריע און

לאָמבאַרד-קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פּרייז

איזידאָר פּיאַלקאַ

פּיעטריקאָווער 7. 8029

אתרוגים

מובחרים וגם לולבים והדסים

מארץ ישראל און קאָרפֿו

מקח השוה על הורט ועגצעל שוין צו בעקומען ביי

עמנואל קאַפּעלוש,

פּלאַץ וואָלנאַשטשי 10.

6060

ארץ-ישראל׳דיגע אתרוגים

מובחרים ללובים וגם הדסים

כּל הקודם זכה! שוין צו בעקומען

„תוצרת ארץ-ישראל״ (ארץ-ישראל געוועלב)

שרודמיעסקאַ 1, טעל. 193-42.

אתרוגים מובחרים

לולבים והדסים

פֿון דער ערשטער קוועלע איז שוין צו בעקומען ביי

„Agrumaria” Sp. z ogr. odp.

Łódź, ul. Kościelna № 1, tel. 133-33.

7065

א כּתיבה וחתימה טובה

און אַ געזונד,

גליקליך יאָהר

ווינשען מיר אונזערע ליבע עלטערן, פֿריינד און בעקאַנטע ווי אויך כּיינער געעהרטער קונדשאַפֿט

צייטונגס-פֿערשפּרייטער

עקיבא גרינבוים

אזהרה גדולה!

אין ביירס ראיאָן מעג מען שעכטען עופֿות נאָר אויף

4 רזשגאָווסקאַ 4

די שחיטה פֿון באַוואַ-זאַרזשעווסקאַ 25

איז נבילה וטרפֿה.

ועד הרבנים עם ועד הכּשרות ביי דער יודישער קהלה אין לאָדז.

